ב - 690/49

שטענסטאכאוו, י כיסלו תשו

פנחס מנחם בעססערגליק

B E S S E R G L I K

# דאס אדורכגיין בעת דער דייטשער אקופאציע

Częstochowa, 20.XII.45 r.

בעסערגליק מנחם

690/49 - ב

## דאס אדורכגיין די דייטשע אקופאציע

איך שרייב פון מיין אדורכגיין זייט דער המן, דער דייטש, איז אריין צו אונדז אין שטאט און ביז די באפרייונג איז געקומען.

דאס איז געווען אין דער שטאט <u>טשענסטאכאוו</u> /Częstochowo/. אין יאר 1939 אין דער דייטש באפאלן פוילן. ער איז אויך אריין צו אונדז, קיין טשענסטאכאוו. דעם צווייטן טאג, דאס איז געווען דער אזוי גערופע- נער "בלוטיקער מאנטיק", <u>1 אזייגער בייטאג</u>, הערט זיך ווי מען שרייט הויך אויפן קויל אויף דער דייטשער שפראך "אלע ראוס". מען איז אריין צו יעדן אין שטוב, געהייסן האלטן די הענט אין דער הויך. מען האט גע- זאגט א בילבול, בכן: מען האט געשאסן א דייטשן סאלדאט. יעדן איינעם איז שוין דאמאלטס קאלט און ווארעם געווארן. מענטשן זענען געשטארבן פאר שרעק. מען שיסט כסדר. מענטשן זענען געפאלן ווי פליגן. אלע מוזן ארויס, זיך אנידערלייגן אויפן מארק מיטן פנים צו דער ערד. און ווען איינער הויבט אויף דעם קאפ, שיסט מען זאפארט אין אים.

מענער, פרויען, קליינע קינדערלעך, יונג און אלט אלץ ליגט אויפן מארק און מען ווארט אויף דעם טויט. איך און נאך א יונגערמאן האבן מיר נישט פארשטאנען די שפראך פון די מערדערס. מיר האבן נישט געוואוסט וווּ- הין מיר זאלן גיין, זענען מיר אריין אין א צווייט הויז. מען האט צו אונדז געשאסן. איך בין אוועקגעפאלן פאר שרעק. ביים יונגערמאן האט מען דורכגעשאסן דעם ארעם. ער איז געווארן באגאסן מיט בלוט. מען האט אונדז געהייסן גיין אויפן מארק, זיך לייגן מיט אלע צוגלייך.

אזוי איז מען אפגעלעגן ביז פארנאכט און ס'איז געקומען דער באפעל מען זאל אלע נעמען אין דער תפיסה. אין תפיסה האט מען אריינגעפירט ~~הונדערטער~~ טויזנטער מענטשן. די פרויען האט מען אפגעלאזן פריי א היים. אבער דאס פייער און דאס שיסעריי האט נישט אויפגעהערט.

מען האט אונדז אנגעפאקט 100 אין איין שטיבל. איך אלס רעליגיעזער בין נאך געגאנגען א לאנגע קאפאטע מיט פאות. די געסטאפא האט מיך שטארק געשלאגן און געשלעפט ביי די פאות. מען האט מיך געמאכט בילדער אויפנאמען [illegible].

איבער איז געלעגן אויפן בוידעם. דריי טעג האט מען נישט געגעבן נישט קיין עסן און נישט קיין טרינקען. מענטשן זענען געפאלן ווי די פליגן. ס'איז נישט געווען מיט וואס זיך צו ראטעווען.

דאנערשטיק פארנאכט האט מען די תפיסה געעפנט און מען האט אלע געטריבן ווי די בהמות, ווי אקסן - נאך ערגער - גלייך צו די קאסארן. דארט האט מען אלע צונויפגענומען. ווידער אונדז געהאלטן א גאנצע נאכט און צומארגנס פרי אלע צונויפגעשטעלט. א דייטשער אפיציר האט געזאגט: ווען מען געפינט ביי וועמען געווער, אדער אנדערע שעדלעכע זאכן ווי: מעסער, ראזיר-זשילעטקעס א.א. וועט דער געשאסן ווערן. דעמאלט זענען געפאלן אן ערך 800 יידן און 2000 פאליאקן. דאס איז נישט געווי' אפשר מער.

פרייטיק בין איך ערשט געקומען אהיים פון טויט לעבעדיק.

זייער צארן איז נאך נישט געשטילט געווארן. מען האט באדארפט מענטשן צו דער ארבעט, האט מען געכאפט אין גאס. מען שרעקט ווייטער. דאס לעבן האט זיך שוין געענדערט. מען איז שוין נישט די זעלבע פרייע מענטשן, וואס א מאל. אט, מען שלעפט נישט איצט, פיליי'כט קומט מען ביינאכט נעמען.

די יידישע געמיינדע האט געמוזט צושטעלן צו דער ארבעט העכער 2000 ארבעטער. פון פרי ביז שפעט ביינאכט האט מען געמוזט ארבעטן.

כדי דער פאמיליע צו דערנערן. אהיים פלעגט מען קומען האלב טויט פון די קלעפ פון די מערדערס פון דער געסטאפא.

דעם ערשטן יאר ווי דער דייטש איז ביי אונדז געווען איז ארויס א באפעל, אז אלע יידן מוזן זיך אנטאן אפאסקעס אויף דער האנט, כדי מען זאל דערקענען א ייד און א פאליאק. אלע יידן טראגן שוין בענדער – מענער, פרויען און קינדער פון 10 יאר אן. די באנד האט געמוזט זיין פון ווייסן לייוונט, שטענדיק ריין און ווייס – א מגן־דוד אויף דער האנט. ווען איינער האט פארגעסן אנצוטאן די באנד און איז ארויס אויפן גאס און ס'האט אים געטאפט א זשאנדאר, האט דער ייד בעקריגן גוט געשלאגן און נאך באצאלט זייער א סך געלט שטראף. אזוי ארום האט נאך יעדער אייבער געהאט אן עול און האט געמוזט געדענקען אן דער באנד. יעדער האט די באנד צוגענייט צו זיין מלבוש. א סך האבן אנגעשריבן אויף דער טיר: "פארגעס נישט אנצוטאן די באנד!" דאס האט די יידן זייער פארערגערט. זיי האבן נישט געקענט האבן קיין באציונגען מיט די פאליאקן. עס איז געווען זייער שווער צו פארדינען אויף פרנסה. דערצו נאך די צוואנגס-ארבעט א.א.וו. ביין, מען קען דאס נישט אלעס אויסשרייבן. עס דערמאנען זיך אלע מאל מער און מער צרות. מען האט נישט אזוי פיל האר אויפן קאפ. פארפאלן, מען איז א ייד, א פאלק אן א לאנד, אן א היים. מען איז ביי די מערדער אין חדר. זיי ציען דאס בלוט פון אומשולדיקע מענטשן. די בערד פון די יידן האבן געמוזט זיין אפגעראזירט.

ס'איז ארויס א באפעל: יעדער ייד מוז גריסן יעדן דייטשן סאלדאט, ד.ה. אראפנעמען דאס היטל פאר יעדן איינעם. גריסן איז גריסן. ערגער איז געווען ווען דער סאלדאט האט געזאגט און נישט בלויז געזאגט, נאר באלד געגעבן יענעם א ברען איבערן קאפ: "ווי קומסטו צו מיר, בין איך דיין גלייכן, איך זאל זיך פאר דיר גריסן".

אין יעדן יידישן געשעפט האט געמוזט זיין א מגן־דוד: מען זאל דערקענען און קיין פאליאק זאל נישט קענען אריינקומען. מען האט נאר




געטאָ געלד. יעדער גרעסערע געטאָ האָט געהאַט זיין אייגן געלד.
דאָס איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן, כדי די יידן זאָלן זיך
נישט קענען באַנוצן מיט די דייטשע מאַרקן.



AUF WESSEN BEFEHL? Auf russische Dorfbewohner saust die Peitsche nieder

געקלערט וועגן מיטלען ווי אזוי צו פארניכטן דעם ייד. די נאכט איז
נישט אדורך רואיק. אן אן אבלאווע, שטענדיק האט מען געכאפט צו דער
ארבעט. מען האט געמוזט געבן שוחד בעלטער, געלד א.א.וו. פאר דעם
שטורמהויפטמאן, פאר דעם קאמענדאנט פון דער שוץ-פאליציי, פאר דער
געסטאפא און ס.ס. אבער עס האט גארנישט געהאלפן.

מען האט אונדז ארומגעצירקט, געמאכט א געטא און געגעבן אונדז
עטלעכע גאסן. דער באפעל איז געווען: ווער עס פארלאזט דעם געטא, ווערט
באשטראפט מיט טויט, ד.ה. ווערט באלד געשאסן. אין יעדער עק גאס איז
געשטאנען א וואכמאן און האט געהיט. עס איז געווען אן אויפשריפט אין
דריי שפראכן - פויליש, יידיש און העברעיש: "יהודים העוזבים שלא כדת
את התחום - יורבים למיתה". פארשטייט זיך, אז א פאליאק האט אויך נישט
געטארט אריינקומען אין געטא.

יידן האבן זיך זייער געפייניקט. עס זענען פיל טויזנטער ארויסגע-
גאנגען פון הונגער. עס איז געווען איין קיך. געקאכט האט מען וואסער
מיט קארטאפליעס. מען איז קראנק געווארן.

אין געטא זענען מיר געווען אן ערך א 2 יאר. וואס מען איז
דורכגעגאנגען די 2 יאר איז נישט מעגלעך צו באשרייבן. האר און נעגל
שטעלן זיך. דער טויט איז שוין בעסער געווען.

עס איז ארויס א באפעל פון דעם קאמענדאנט פון דער שוץ-פאליציי -
אלע פוטערס, וואס יידן האבן, מוזן ווערן אפגעגעבן. ווען איינער בא-
האלט, אדער גיט נישט אן - ווערט ער דערשאסן. שטעלט זיך פאר, וואס
דאס הייסט, אבער פארפאלן, מען מוז, דער טויט איז ערגער. ווינטער איז
דא קאלט, מענטשן ווערן געפרוירן, מען איז הונגעריק.

ווייטער מאכט מען אן אבלאווע, מען שיקט מענטשן קיין דייטשלאנד
אויף ארבעט. אקאפעס ביי דער רוסישער גרענעץ. עטלעכע טויזנט
מענטשן האט מען געכאפט ווי די הינט אויף אוועקצושיקן. ליידער קענען
זיי גארנישט מיטנעמען, נישט קיין עסן, קיין העמד. די הינט פון דער

זשאנדארמעריע לאזן נישט צו. די זשאנדארמעריע שלאגט און הרגעט ווי זיי קענען. פון די מענטשן איז קיין העלפט נישט געבליבן. א סך זענען אומגעקומען פון דער שווערער ארבעט, פון שלאגן און פייניקן. זייערע עלטערן זענען קראנק געווארן פון צרות און זענען עלטער געווארן.

דאס איז געווען אין א שיינער נאכט. די געסטאפא איז פארפארן, זי האט פארנומען א שטוב, אלעם ארויסגעטריבן - קינדער, גאלד און די מענטשן ארויסגעשיקט. נים ווייסט וווהין. פון זיי איז קיין געדעכניש נישט געבליבן. אזוי פלעגן זיי טאן מיט גאנצע פאמיליעס.

אין געטא איז גארנישט געווען דערלויבט, דהיינו: נישט קיין פלייש נישט קיין פוטער, נישט קיין ווייס ברויט /קיין שווארצעס איז אויך נישט געווען/ נאר דאס, וואס די דייטשן האבן געגעבן אין "פשידזיאל". ד.ה. 7 דעקא שווארץ ברויט א טאג, א ביסל מארמאלאדע, 7 דעקא צוקער א וואך. צי איז מעגלעך געווען פון דעם צו לעבן? איז מען טאקע געווארן איינגעטריקנט פון טאג צו טאג. דער וואס האט נישט געארבעט האט דאס אויך נישט געהאט. אלץ דערפאר, ווייל מען איז יידן מוז מען ליידן.

מען זיצט זיך אזוי אלע אין שטוב, ביינאכט, פונקט האלב עלף אזייגער, ס'קומט זשאנדארמעריע. מען יאגט צו דער ארבעט. דא איז ווינטער. דער פראסט קנאקט, עס איז א שאנדע א הונט ארויסצולאזן און דא נעמט מען מענטשן - יונג און אלט "ראוס פארפלוכטע הינט-שייסע!" - מיט זייערע ווערטער. גענומען א פאר הונדערט מענטשן פון עטלעכע גאסן, אויך איך צווישן זיי. נישט באוויזן עפעס אנצוטאן. אלע שטעלן זיך אויפן מארק. דער מארק איז פול מיט מיליטער. מען יאגט, מען שלאגט: "שנעלער, שנעלער! איך בלייב שטיין אויפן מארק, ס'פאלט צו צו מיר אן אפיציר און גיט מיר גלייך אין די ציין א קאפע. איך שטיי גלייך, גיב זיך נישט קיין ריר פון ארט. מיין פנים איז געווארן געשוואלן און בלוט האט אנגעהויבן צו גיין. אזוי האבן אלע באקומען. מען קען זיך פשוט נישט פארשטעלן די שרעק. מענטשן זענען פשוט ארויסגעגאנגען. די זעלבער האבן ארויסגעשטעלט



AUF WESSEN BEFEHL? Russische Dörfer werden von der deutschen Wehrmacht angezündet

די פיס, כדי די יידן זאלן אומפאלן. ווען מען האט זיי געיאגט. מען האט אונדז ערשט אפגעלאזט צומארגנס אין דער פרי, נאך א נאכט ארבעט, געשארט דעם שניי. עס איז געווען א זאווערוכע, ס'האט דעם פנים אויס-געגעסן. דעם פארגעניגן האט מען געהאט.

דער טאג איז קיין טאג נישט געווען און די נאכט – קיין נאכט. דער טויט איז שוין געווען פיל בעסער. אבער מען איז א ייד, מוז מען ליידן צרות. מען קען נישט אלץ, מיינע ליבע, געדענקען, וואס מען איז אדורכגעגאנגען. דער קאפ קען נישט אזוי פיל טראגן ווען די היטלעריס-טישע באציונגען צו אונדז. די אאאאא מורא און פחד פאר דער דייטשער באנדע איז געווען זייער גרויס. ווען מען האט געזען א דייטש איז דאס הארץ ארויס פאר שרעק, אדער עס איז געווען איינע גאל, דאס לעבן האט קיינע ווערט געהאט.

ווען איינער איז געשטארבן, איז נישט געווען ערלויבט קיינעם מיט-צוגיין אויפן גוטן ארט. געגאנגען זענען בלויז 2 – 3 מאן, וואס האבן זיין רעכט געטאן. יעדן טאג פלעגט זיין פון 20 ביז 30 טויטע, וואס זע-נען געשטארבן פון הונגער. זיי זענען געווען פון פרעמדע שטעט, פון וואַ-נען די היטלעריסטן האבן ארויסגעטריבן. זיי האבן קיין דאך איבערן קאפ נישט געהאט. טרויעריק איז געבעך געווען זייער לאגע. זיי האבן גע-וווינט אין "אזילן". געלעבט פון דעם, וואס די געמיינדע האט זיי געגעבן. מען קען זיך פארשטעלן זייער לאגע. פיל פון זיי זענען יעדן טאג אויס-געשטארבן. מען האט נישט געקענט אלע קובר זיין אין איין טאג, פלעגן די טויטע ליגן צו 3 און 4 טעג. זיי איז ווילער געווען, זיי זענען כאטש נישט געווארן פארברענט, ווי אונדזערע נאענטע קרובים, וואס מען ווייסט דעכט נישט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען. ווי טרויעריק דאס איז! מען האט נישט געגלויבט, אז עס קען קומען עפעס ערגערס פאר דעם. דאס פאר אונדז ברייט מען און מען שטעלט אויף אויוונס ספעציעל צו פאר ברענען מענטשן. די היטלעריסטישע מערדער און די געסטאפא ווארטן שוין



דאס בילד ווייזט ווי אזוי די דייטשע מערדער האבן ענטדעקט
א בונקער, אונטער די ערד.

אויף ארבעט, ווי אויסגעהונגערטע חיות פון וואלד, וואס ווילן איינ-
שלינגען מענער, פרויען און קינדער. ארים צי רייך, יונג צי אלט. אלעס
ווערט פארברענט. פון דעם האט מען נאך דעמאלסט נישט געוווסט, עס איז
קיינעם דאס נישט איינגעפאלן.

איך האב נאך מער געליטן. איך האב געהאט א שוואגער און זיינע
2 ברידער זענען דעמאלסט גענעך אויך געפאלן אלס קרבנות. זיי האבן גע-
האט זייער א שיינעם פוים. מען האט זיי אויסגעהאנגען, זיי זענען גע-
ווען אומשולדיקע 2 מענטשן. איינער האט איבערגעלאזט א פרוי און קינ-
דער; דער צווייטער א פרוי און 10 קליינע קינדער. שטעלט אייך פאר,
אז די גאנצע משפחה האט געדארפט שטיין און קוקן, ווי מען טוט זיי
אויפהענגען. שטעלט אייך פאר דעם צער און ווייטיק. אלץ די היטלעריס-
טישע באנדיטס! עס זאל זיי אלץ בעצאלט ווערן, עס זאל זיי די ערד נישט
לאזן רוען פאר דער עולה, פארן אומשולדיקן בלוט, וואס זיי האבן פאר-
גאסן. אזעלכע פאלן האבן פאסירט הונדערטער און נישט איינע.

זיי, אין "רייך" פלעגן זיך באנוצן מיט גאז-אויטאס. ווען א
מענטש האט זיך "פארשולדיקט", פלעגן די מערדערס אים דארט ארייננעמען,
אין דעם אויטא, און דארט איז ער אומגעקומען פונעם גאז. מען האט נאר
בעקלערט ווי אזוי א תל צו מאכן פונעם ייסל מענטשן.

א ראבין, אדער א רב פלעגן זיי אונטערצינדן די בארד ביז דער
פנים האט זיך אנגעבאפט.

איין מאל, יום-כיפור, אין דעם הייליקסטן טאג פון יאר ביי יידן
ווען מען פאסט און מען שטייט און מען דאווענט דארט ערבעץ בהאלטן,
קיינער זאל נישט הערן, זענען פלוצלינג ארייננעפאלן די מערדערס. עס
איז שוין נישט געגאנגען צו אנטלויפן. מען האט אלעמען ארויסגענומען
פון דאווענען. אנגעטאן אין טלית און קיטל און אזוי אלעמען ארויסגע-
יאגט אויף דער גאס און זיי גענומען צו דער ארבעט. ערשט פארנאכט האט מען

~~זיי מענע~~

זיי אפגעלאזט. זיי האבן גענוג געשלאגן און געהרגעט. א היים איז מען געקומען מיד.

אלע יונגע, קרעפטיקע יידן האבן די מערדערס אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד אויף שווערע ארבעט; עלטערע – אין טויט-לאגער. זייער פיל זענען אומגעקומען. גאט ווייס, ווו זיי זענען אהינגעקומען. א דאס אלץ איז געווען אין דייך. פיל פון דייך זענען אהער, צו אונדז געקומען, זיך ראטעווען דאס לעבן, אבער ליידער האבן זיי נישט געוווסט, אז אויך דא קען מען די מערדער טרעפן. זיי האבן געטראכט, אז דא וועט ער נישט אומקומען, אבער שטענדיק איז מען געווען אין לייבס סאכנה.

יידן האבן נישט געקענט זיך אן עצה געבן. מען איז ארומגעגאנגען. ס'ווערט ענגער און ענגער, מען ווייסט נישט וואס עס דערווארט. מען אז האט אלץ געטאן. 20 טויזנט מענטשן האבן געארבעט צוואנגס-ארבעט. איך האב געארבעט אין קאמיטעט קיך פאר מענטשן בבנדיקע, ארויסגעיאגטע פון שטעט און שטעטלעך. זיי האבן נישט געוואלט עסן קיין טרוקנס און האבן זיך מיט דעם דערנערט. ליידער האט זיך אלעס אויסגעלאזט. אלץ האט מען אלע איבערגעטען פאר ברויט, מען האט נאר געזאגט: דער עיקר, אז מען וועט אונדז נישט שיסן, הרגענען.

אבער וואס א מאל האט מען געהערט ערגערע ידיעות און בייטן. א שפייכער: עס בייען אוועק טויזנטער מענטשן און מען פארשיקט זיי. מען ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען. אבער מען האט געזאגט, ס'איז א ליגן, מען שיסט זיי נישט, נאר מען שיקט א זיי אויף ארבעט. אנגעהויבן האט זיך עס אין דייך. פון דארט זענען שוין לאנג געגאנגען טראנספארטן. ס'האט זיך דערנעענטערט צו ווארשע. Warszawy/.

אין ווארשע זענען געווען 6 מאל הונדערט טויזנט יידן. מען האט זיך געגרייט צו דער אקציע.

אין איינעם א שיינעם פארנאכט, ווען מען האט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, האט מען געזען ווי עס גייט א העליש פייער ביז צום



די באַרימטע סינאַגאָגע אין ברעסלאַו איז צוויי מאָל דורך ד
נאַצי באַנדיטן פאַרברענט געוואָרן.

13

30

היכל. מען איז געוואויר געווארן, וואס דאס פייער באדייט - פון אונ-
דזער מייערער און שיינער שול /אזא שיינקייט האט מען נישט געזען אין
פוילן/ ביז איצט דאס פייער, מיטן רויך גייען אוועק די שענסטע זאכן.
אזוי אויך די צווייטע שול /בית הכנסת/. וואס שטייט שוין אן ערך א
פאר הונדערט יאר, זי איז אויך בעקומען אין די הענט פון די מערדערס.
פון אלץ א תל געמאכט. הונדערטער ספרי-תורות זענען אוועק מיטן פייער.
ס'איז נישט קיין וואונדער. זיי האבן דאך מיט מענטשן אויך אזוי גע-
מאכט.

מען איז נישט אומשטאנד אלץ צום געדענקען און צו שרייבן. ווי
ווייט איך קען שרייב איך ס'זאל בלייבן לדור - דורות, וואס די היטלע-
ריסטן, די מערדער האבן מיט אונדז אין דער שטאט געמאכט. יעדע שטעלט
אייך פאר אין גאנץ אייראפע. אין יעדער שטאט אויף א צווייטער מארע
געפייניקט און געשלאגן. איך שרייב נאר דאס, וואס איך אליין האב מיט-
געמאכט, כ'דערמאן דעם כלל אויך, אבער מערסטן טייל שרייב איך דאס,
ביי וואס איך זעלבסט בין געווען.

איך האב געהאט א שוואגער, ער איז געווען פאר אונדז ווי א טאטע
מיר זענען געווען אין א קריטישער לאגע און ער האט אלעמען אויסגע-
האלטן, ביי א 50 מאן. אין איינעם א שיינעם פרימארגן האט מען אים אײַנ-
געזעצט. ער איז שוין קיין לעבעדיקער נישט ארויס. די געסטאפא האט אים
פארטיק געמאכט. שטעלט אייך פאר אונדזער צער. ער האט איבערגעלאזט א
פרוי און א קינד. געווען איז ער א יונגער, שיינער מענטש. ער האט נאך
געהאט פיל יארן צום לעבן, אבער ליידער איז ער אוועק.

דער פירער אראלף היטלער זאגט אין זיינע נירנבערגער געזעצן, אז
יעדער אומפעיקער מענטש, דהיינו: אן עלטערער, א שוואכער, א קראנקער,
א קאַליקער און קינדער - מוז מען פארניכטן, זיי ברענגען נישט קיין נוצן
אויף דער וועלט. ער מיינט נאר אנדערע פעלקער, אבער נישט זיין פאלק.



אַ געשטאַפּאָ באַנדיט
צווינגט יידן אַז זיי זאָלן
זיך זעלבסט דערטרינקן.

פארשטייט זיך, אז דעם בעזעץ האט מען געטריט אויספירן. צוערשט האט מען זיך גענומען צום ביסל יידן. מען האט מיט דעם מענטש אזוי לאנג געארבעט ביז ער האט פארלוירן זיינע כוחות און איז געשטארבן. ווען ניטש האט מען אים געשאסן, געשיקט כסדר אין די לאגערן און געהייסן האט עס אויף ארבעט. געזאגט האט מען, אז עס איז פאראן א וואלד און מען שיקט אין דעם וואלד אריין, אבער פון דארט איז מען שוין צוריק ניטש געקומען. מען האט געהערט פארשיידנס, אז מען וויל אונדז פארשיקן, כדי אומצוברענגען אויף אזא אופן, מען האט געהערט, אז מען בייט אויסן טויט. ס'זענען געווען מענטשן, וואס עס האט זיי ניטש געארט זייער לעבן.

~~אלץ געווען~~ ווארום, האבן זיי געארבעט פון פרי ביז נאכט, געלעבט פון דעם, וואס זיי האבן געקריגן אויסן "פטיידיאל", ד.ה. א פאר דעקא ברויט א.א.וו. האט מען קיינע לוסט צום לעבן ניטש געהאט. מען האט זיך געווונטשן דעם טויט.

אבער עס זענען געווען מענטשן, וואס האבן פיל אנדערש געטראכט. זיי האבן געזאגט: "פארפאלן, עס איז א מלחמה, מען מוז ליידן. דער ב"ה וועט העלפן, עס וועט אלץ אדורכגיין. מען וועט אלץ איבערלעבן. די דייטשן וועלן אויך האבן זייער סוף, ווי אלע שונאי ישראל האבן געהאט. מען האט געלעבט מיט בטחון, גבן עס וועט נאך גוט זיין. אבער לייידער האבן זיי געהאט א טעות. די מענטשן זענען שוין היינט נישטא אויף דער וועלט. זיי זענען שוין פארברענט געווארן אין טרעבלינקער /Treblinka/ טויטן-לאגער א.א.

אלץ איז געווען גוט דאטאלסט, ווען יעדער האט נאך זיין פאמיליע געהאט, געהאט פאר וועמען אויסצודערציילן זיינע ליידן און פריידן, זיין ביטער הארץ אויסצוגיסן. געהאט א פרוי, קינדער, שוועסטער, ברידער, טאטע, מאמע, שוואגער, שוועגערין א.א.וו. יעדעט פאמיליע איז נאך געווען גאנץ. אבער ווען מען האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן אן אקציע, וועגן פארשיקן מענטשן צום טויט. אז מען וועט צעשיידן מענער פון פרוי-

ען, טאטעס פון קינדער, שוועסטער פון ברידער, האט מען זיך גארנישט געקענט געבן קיין עצה. מען האט נישט געוווסט וואס צו טאן. מענטשן זענען געגאנגען ווי די אריבן האבן זיי געטראגן. די אימה און פחד פאר יעדן זשאנדארם, פאר יעדן פאליציי-מאן איז נישט צו באשרייבן. איז מען געגאנגען אין גאס - האט מען געכאפט צו דער ארבעט, געשלאגן און געהר-געט. איז מען ביינאכט שוין געווען אין שטוב איז מען צו מיר אריין אי שטוב. איך האב געהאט א פאטיר [x], אז איך ארבעט אין קיך. עס האט גארניש געהאלפן, מען האט מיר גענומען.

מען האט מיר אריינגעווארפן אין אן ארומגעדראטעוועטן באראק. אזא שטאל פאר פערד, אויך אנדערע האט מען דארט אריינגעווארפן. כ'בין דארט אפגעלעגן ביי א 4 - 5 וואכן. נאכער האט מען מיך אפגעלאזט א היים [xx]. ס'איז נאך געווען גוט, וואס איך האב געהאט צו וועמען צו קומען - צו מיין פאמיליע. כ'האב זיך איבערגעטאן, אפגעגעסן. דעם טריט האט א מען גארנישט געהאט אין זינען.

מען האט געזאגט, אז פֿעיקע מענטשן דארף מען האבן צו דער ארבעט און מען וועט אונדז נישט אומברענגען. אבער עס האט זיך ארויסגעוויזן פארקערט. מען האט כסדר געהערט וועגן וואס מער הרוגים פון אנדערע שטעט. דא האט מען אזוי פיל יידן אומגעבראכט און דא - אזוי פיל. פון די שטעט יאגט מען ארויס. מענטשן ווייסן נישט וווהין זיי זאלן לויפן. אבער ביי אונדז האט מען געזאגט, ~~אז~~ דאס וועט נישט פאסירן ~~ביי אונדז~~. ווייל 90% האט געארבעט, איז געווען באשעפטיקט [xxx], דעריבער האט מען נישט געגלויבט. אויך דער שטאט-הויפטמאן האט צוגעזאגט, אז עס וועט גארנישט

---

x. ארבעטס-אויסווייז

xx. די שוץ-פאליציי האט דאמאלסט געכאפט זייער פיל מענטשן. אונטערן שטאט איז געווען א פונקט, וואס האט געהייסן "ווארטע-לאגער"

xxx. דאס איז געווען שווערע צוואנגס-ארבעט. ווער עס ארבעט האט רעכט צום לעבן און וועט נישט ווערן פארשיקט.

פאמירן. נאר ביי גלויב די דייטשן! מען האט זיך געראנגלט מיטן געדאנק, אבער ווען מען האט אנגעהויבן הערן וועגן דער ווארשעווער אקציע, איז דאס ערשט אלץ געגאנגען אין קאפ אריין. מען האט שוין דאמאלסט געוווסט, אז אויך אונדז וועט דאס נישט מיידן. מען וועט אויך מוזן מיטמאכן דעם טרויעריקן און ביטערן טאנץ. האר און נעגל שטעלן זיך אויף. אלץ איבערלאזן, אויף דעם, וואס מען האט געארבעט אזוי פיל יארן אזוי שווער און ביטער. יעצט מוז מען אלץ לאזן שטיין! איבערלאזן מעבל, שענק, בעטן, גאנצע ווירטשאפטן איינגעארדנטע. נעמען די קינדער ביי די הענט און מיט א רייבעם דעת געזעגענען זיך מיט דער וועלט און גיין צום טויט. איך הער מענטשן גייען צום טויט געזונטע, פרישע, יונגע און אלטע, ארעמע און רייכע, קראנקע, לאמע שטומע און טויבע. עס פרעגט זיך אבער פארוואס? דער ענטפער איז - דו ביסט א ייד! ווייל די געסטאפא און זייער צייטונג /"דער שטירמער" - "Stürmer"/ האבן געזאגט: "די יידן זענען אונדזער אומגליק".

א טאג נאך א טאג און דער אומגליק האט זיך צו אונדז אויך דערנענטערט. מען האט זיך שוין געמוזט ריכטן יעדע מינוט, מען האט פארלויפיק נישט געוווסט, ווען דאס פעקל וועט קומען. אבער אונדזערע אוודוק זענען שוין געווען גרייט. די ס.ס.-מענער האבן שוין געווארט אויף אונדז ווי אויסגעהונגערטע לייבן, וואס ווילן צערייסן. צי איז דאס מעגלעך, אז מענטש, וואס האט דאס נישט בייגעוווינט זאל זיך דאס פארשטעלן? ניין. אונדזער קומענדיקער דור וועט דאס אויך נישט גלויבן, דאס, וואס מיר האבן מיט אונדזערע אויגן געזען אין 1943 יאר - צרות, פיין און פארשיידענע עינויים קשים. אויך איך געדענק נישט אויסצורעכענען.

עס פלעגן זיין פארשיידענע פאלן אין יעדער שטאט. און יעדער דייטש האט אויף א צווייטן ארט געפייניקט מענטשן. ווען מען האט נאר

אבגעקוקט א דייטש איז דאס הארץ אריס. שטענדיק האט ער געזוכט א חטא; איז מען געגאנגען גלייך האט נישט געטויגט; איז מען געגאנגען קרום - אוודאי נישט. מיט איין ווארט ס'איז שלעכט. אבער דאס, אז מען וועט נעמען מענטשן, פרויען און קליינע קינדער, ארעם און רייך און פאר-ברענען אויף קויל, אז קיין זכר זאל נישט בלייבן - דאס האט מען נישט געגלויבט. מען האט זייער א סך געהערט, וואס מען מאכט מיט מענטשן, אבער מען האט געמיינט, אז דאך וועט מען אלעמען נישט אויסראטן. יעדע שטאט האט געמיינט, אפשר ביי אונדז וועט זיין דאס גליק און ס'וועט אדורכגיין בשלום.

די יידישע געמיינדע[x] האט באפוילן, די יידן זאלן אוועקגעבן דאס לעצט ביסל פארמעגן, וואס זיי פארמאגן, גאלד און צירונג. איין נאכט פאר דער אקציע האט אייבער דעם צווייטן געפרעגט, וואס עס הערט זיך. דער "האופטמאן" האט געזאגט מען זאל זיין רואיק, עס וועט גארנישט פאסירן. אבער די גזירה איז שוין געווען געחתמעט: מיר מוזן פארלירן ביין מיט אזא שרעקלעכן טויט און זיך געזעגענען מיט דער וועלט. קיין עצה איז נישט געווען. פיל יונגע לייט זענען אוועק אין די וועלדער אלס פארטיזאנער. אבער אויך פון זיי זענען ווייניק געבליבן לעבן.[xx] די פוילישע פארטיזאנער א.ק. נ.ס.ז. האט זיי פארטיק געמאכט.[xxx]

---

x. דער יודן-ראט

xx. פאלאקן פארן ארויסגעבן א ייד פלעגן באקומען איין קילא צוקער פון דער געסטאפא.

xxx. פון קליינע געטא זענען אין יאר 1943 ארוים יידן זיך באהאלטן אין די וועלדער און די פוילישע א.ק. האט זיי אלעמען אויסגע-הרגעט.

ערב יום־כיפור, דער עולם איז בעגאנגען צום דאווענען און מען האט פון פאריגעם בעוווסט, אז נאך יום־כיפור וועט שוין זיין די אקציע מען האט פארשידנס בערעדט. מען האט אין גרויס שרעק אפגעדאווענט און בעגאנגען א היים אנבייסן. מאמעס זאגן די קינדער, זיי זאלן שנעל אפ־עסן, ווייל מען ווייס נישט וואס שפעטער קאן זיין. אבער ווער האט שוין דאמאלס געהאט דעם קאפ.

12 אזייגער ביינאכט איז ליכטיק געווארן אין גאס. מענטשן לויפן אהין און צוריק. יעדער פרעגט זיך וואס טוט מען. מען ווייס נישט, וואס מען זאל טאן, וווהין צו גיין. די געשרייען און געוויינען זענען גרויס. די גאסן זענען באשטעלט. שוין קומט אן זשאנדארמעריע און אוקראינישע מיליציי. אין יעדן ראג שטייט א וועכטער. מען הערט שוין זייערע געוואלדן "האלט! שטיין בלייבן!" אין אלע גאסן. זיי זענען באוואפנט מיט מאשין־געווער, גראנאטן א.א.וו. מ'היט אונדז: די "שווארצע" באנדע xx, ס.ס. טויטן־קעפ און "פארניכטונגס באטאליאן" פון דער היטלער פארטיי.

יעדער מאכט זיך דאס זעקל, לויפט הין און צוריק און שרייט, געוואלד ווי קען מען זיך ראטעווען? אייגער לויפטx צום צווייטן, אבער וואס קען איינער דעם צווייטן העלפן. יעדער איינער איז אין זעלבן פעקל. די מוטערס נעמען זייערע קינדער אויף דער האנט. מענטשן אויף דער וועלט, צי קען מען דאס באגרייפן און צי קען זיך עמעצער פארשטעלן אזא געשיכטע. ~~[illegible]~~ ווייס מען, אז מען גייט צום טויט. מען שטייט און מען וואַרט. מען הערט שוין די שיסערייען פון פארשיידענע גאסן. ביינאכט און ס'איז ליכטיק. די יידן האבן פארויס געמוזט גא־

---

x.דער יום הזכרון ווערט יעדעס יאר אנגעהאלטן נאך אונדזערע קדושים נאך יום־כיפור.

xx. די "שווארצע" מייגט מען אויף אוקראינער.

צאלן פאר באַלייכטונג. בעת דער אקציע האט געברענט דאס ליכט ביי־טאג
x
און בייננאכט, כדי מען זאל געבוי אלץ זען. אויך האט מען פריער באַצאלט
פאר די וועגענער צום טראנספּאָרטירן קיין טרעבלינקע. מען האט געהייסן
צושטעלן אַלע פּלאַטפאָרמעס פאר די טויטע, וואס זענען געשאָסן געוואָרן אין
גאס. אויך די, וואס זענען געווען באַהאַלטן האט מען געשאָסן. די אַלע
האט מען אַריינגעלייגט אויף די פורן. אויף דער קאַוויע /Kania/ גאס
איז געווען א גרויסע אַן אויסגעקאַלכטע גרוב, דאָרט האט מען אַלע אַריינ־
געוואָרפן. די זשאַנדאַרמעריע איז געווען צופרידן, אז מען האט געבראַכט
וואס מער טויטע XX, האבן זיי מער וויין געטרונקען און זיך געוויילט.
צו די ייִדישע צרות האט קיינער נישט געקענט העלפן. די וועגענער זענען
געווען גרייט. ווען א קאַליקע, אַן אַלטער, צי א קראַנקער האט נישט גע־
קענט גיין, האט מען אים פאַרטיק געמאַכט, דערשטיקט. אַזוי איז דאס בלוט
געגאַנגען אין די גאסן. אוי גוואַלד! א פּחד בייט דורך דורך די ביינער
ווען מען דערמאָנט זיך דאס. x

דער אָבערוואַכטמייסטער, א הויכער, אויסגעפּרעסטער זשאַנדאַר פון
דער שוץ־פּאָליציי האט זיך צו דער ערשטער אקציע גענומען זייער היים.
ער האט אויסגעשאָסן א גאַנצן שפּיטאַל מיט קראַנקע - יונגע און אַלטע.
דאס הארץ איז אים געוואַקסן וואס א מאָל גרעסער. ער איז גאָר נישט גע־
ווען אײַנגאַנצן צופרידן, האט ער זיך גענומען צום זקנים־הויז. ס'זענען
ביי אונדז געווען זייער פיל יתומים. אַלע פאַרטיק געמאַכט. xביי אונדז
איז געווען א גאס, ווו מען האט געמאַכט א גרויסע גרוב מיט קאַלך, דאָרט
האט מען אַלע אַריינגעוואָרפן נישט ווי קיין מענטשן, נאָר ווי הינט.

---

x.‏24 שעה.

XX. דער וואס האט צוזאַמענגענומען די טויטע פון די הייזער, א פורמאַן,
האט מיר דערציילט, אז דער אָבערוואַכטמייסטער האט זיך שטענדיק גע־
פרעגט: "האט איר הײַנט א גרויסן האָפן טויטע געבראַכט?"



AUF WESSEN BEFEHL? Unschuldige Dorfbewohner werden als „Geiseln" niedergeknallt

[illegible] זיך [illegible] דאס קבר!!!

די מערדער האבן [illegible]

[illegible] די שוך [illegible]

די ערשטע אקציע איז געווען זייער א שרעקלעכע. אבער אנדערע האבן געזאגט: אפשר וועט זיך גאך דער צארן איינשטילן. אבער דעם זעלבן טאג זענען ביז 10 טויזנט מאן אוועק צום טויט. ארויסגעיאגט אויפן מארק. ווער עס איז געגאנגען אין גרינע שיך האט מען באלד געהייסן אויס-טאן. די מערדער האבן געזאגט: "א שאד די שיך, איר גייט דאך צום טויט." האט מען שוין געזען, אז עס טויג נישט. מען האט אנגעשטאפט פולע וועגע-נער. די ס.ס. און פאליציי האבן געשלאגן און געהרגעט מיט די קאלבעס. מען האט אוועקגעטראנספארטירט קיין טרעבלינקע, אין די גאז-אויוונס אריין.

שטעלט אייך פאר ווי דאס האט אויסגעזען: אלע גאסן זענען געווען באשטעלט. דאס שיסעריי האט נישט אויפגעהערט. דער קאמענדאנט פון דער שוץ-פאליציי דעגענהארט /Degenhart/ האט געהאלטן א שטעקעלע אין האנט און געוויזן "רעכטס" און "לינקס", וואס באדייט -"רעכטס" - לעבן און "לינקס" - טויט. מערסטן טייל זענען אויסגעקליבן געווארן יונגע מענטשן צו דער ארבעט. ס'איז צו א מאן מיט זיין פרוי און עטלעכע קינ-דער. אים האט מען געהייסן גיין "רעכטס". די פרוי און די קינדער מוזן זיך שיידן מיט אים. דער מאן וויל נישט גיין אליין, נאר מיט דער פרוי. אבער ער באקומט שרעקלעך געשלאגן, ער מוז זיך שיידן. שטעלט אייך פאר ווי דאס האט אויסגעזען.

די זעלבע טראגעדיע האב איך מיטגעמאכט מיט מיין ~~[illegible]~~ בעקאנטע רבקה גאלדבוים, 22 יאר אלט, אלטען-מארק 23. לערערין פון "אוהל-שרה" און "בנות אגודת ישראל". זי איז געווען יונג און שיין. מיר זענען געגאנ-גען צוזאמען צו דער צווייטער אקציע. מען האט אונדז צעשיידט - איר אוועק צום טויט און מיר צו דער ארבעט. איך האב זיך געראנגלט. כ'האב געזאגט אז מיר איז ~~[illegible]~~גאל. איך וויל מיטגיין מיט איר, אבער מען האט נישט

דורכגעלאזט, זיי האבן שבעל געיאגט און כ'האב זי שוין מער נישט גע-
זען. טרערן האבן מיר שוין אויסגעפעלט פון וויינען. פארפאלן, דאס לעבן
האט שוין נישט געהאט קיין ווערט. מען האט אלע אונדזערע נאענטע אוועק-
געשיקט – קיין מוטער, קיין פאטער, קיין שוועסטער, קיין שוואגער, קיין
ברודער. מיט וואס קען שוין זיין ווינציק אזא לעבן?

מען האט מיר ארויסגעפירט אויפן פלאץ, וואס האט געהייסן מעטא-
לורגיא /Metalurgja/. דארט זענען געווען טויזנטער מענטשן. מען האט
געווארט אדער אויפן טויט, אדער אויף אוועקגעשיקט צו ווערן. פון דעם
פלאץ האט מען כסדר גענומען מענטשן צו פארשיידענע ארבעטן. כ'האב גע-
פונען מיינע א שוועסטער און מיר האבן זיך געפרייט, וואס פון אזא
פאמיליע זענען מיר כאטש פארלויפיק ביים לעבן. x

א דייטש.
ס'איז געקומען א באולייטער, און אונדז גענומען צו דער ארבעט.
מען האט אונדז געגעבן א קאשאר איין. מיר האבן געמוזט גיין ארבעטן אויף
א פלוג-פלאץ xx. פונקט 5 אזייגער האט מען שוין געמוזט שטיין אויף די
פיס. יעדן טאג האט מען געמוזט גיין צו פוס א 12 – 14 קילאמעטער. מיר
האבן געארבעט ביז ס'איז געווארן פינצטער אין אפרד. די פיס האבן גע-
פלאצט.

מען איז אבער ווייטער נישט געווען זיכער, כאטש מען האט געארבעט.
איין מאל, מען שטייט אזוי מיד ביי דער ארבעט, איז פלוצלונג אנגעקומען
א מאקסדורקע, פון וועלכער ס'איז ארויס דער באולייטער און דער לאגער-
פירער. זיי האבן באפוילן, אז זאפארט זאלן זיך אלע אויסשטעלן און מען
פירט אונדז צו דער ס.ס. פאליציי. מיר בלייבן שטיין. מיר זענען צעדר-

---

x. תנצב"ה, ביי דער ביטערער אקציע האט מען מיר אוועקגעריסן אויף
אייביק מיין טייערער טאטן, מיין שוועסטער, שוואגער און 3 קליינע
קינדער, מיין ברודער מיט זיין פרוי און קינד, איין שוואגער מיט
זיין טעכטערל פון 9 יאר. אלע זענען זיי אומגעקומען אין טרעבלינקע.

xx. דאס האט מען גערופן Bombleitung Luftwaffe

# 5. אַלזאָ הילף דיר גאָט פֿון דיר באַוואָרן

דער פּירוש פֿון די "אַקציע"
דער גרויסער

## תּנצב״ה



**AUF WESSEN BEFEHL?** Jüdische Frauen und Kinder vor der Tür zu den Gaskammern

אזוי זענען געבראַכט אין גאַזקאַמערן אונזערע טייערע צוזאַמען

6.000000 נשמות״

דערט. יעדן איינעם קלאפט דאס הארץ און זאגט: אט יעצט איז שוין מיין עברע. מען וועט שוין מער די שיין נישט זען. מען שרייט צו אונדז: ״שנעלער לויפען!״ מען קומט אהין. דער האמפטמאן X קוקט יעדן איינעם אין פנים אריין. מיר שטייען ווי די טויטע. מען ווייסט נישט וועמען דער גורל וועט טרעפן. מען האט ארויסגענומען ביי 30 מאן, זיי אויסגעטאן די שיך און אוועקגעשיקט צום טויט. אונדז האט מען צוריקגעשיקט צו דער ארבעט. אזוי האט מען געצאפט דאס בלוט. נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט. בעסער וואלט געווען - האט יעדער געזאגט - ווען ער מאכט מיט אלע ארונטער, נישט זיך שפילן מיט אונדז, ווי א קאץ מיט א מויז. וואס א מאל איז ווייניקער געווארן. איינעם באלד געגעבן דעם טויט און דעם צווייטן - לעבעדיקע צרות אנגעטאן.

איין מאל, ביינאכט, ווען מיר זענען שוין געלעגן אויף די געלע-גערס, אויף דער פארלאגע איינער ביי דעם צווייטן און געשלאפן, איז גע-קומען א באפעל פון לאגער-פירער, אז יעדער איינער, וואס פארמאגט עפעס ביי זיך, מוז עס באלד אפגעבן. פארשטייט זיך, אז מען האט כסדר געזוכט ביי יעדן איינעם, אלץ האט מען געמוזט ארויסלייגן. ווען איינער האט געהאט 2 פאר שיך, האט ער איין פאר געמוזט אפגעבן, אויך געלט, גאלד, זילבער א.א. מען האט גאר געלעבט פון דעם, וואס מען האט באקומען. דאס לעבן אין לאגער איז געווען זייער שווער.

איין מאל, נאך פיל מי, האט מען אונדז דערלויבט נישט גיין צו דער ארבעט, כדי יעדער זאל זיך דאס העמד אויסוואשן, וואס מען מיי ווי נישט געקענט אויסוואשן, אזוי שווארץ איז עס געווען.

דער קיך-לייטער האט געגעבן די גאנצע צאל ברויט /אנדערטהאלבן קג. ברויט אויף א גאנצע וואך/ פאר איין מאל. דאס ברויט איז געווען געמישט

---

X.דער פירער פון דער אקציע דעגענהארט.



די לעצטע ארויסגעטריבענע לאדזשער יידן. פאר־
זאמלן זיך מיט זייער ביסל בעטגעוואנט אויף די
גאסן און וואַרטן ביז די לאסט־וועגנס וועלן זיי
אויפנעמען. אויף די וועגנס זענען אויך ארויפגע־
וואָרפן געווארן אונדזערע זקנים און קינדערלעך.

15

מיט האלץ און קארפיעלעס און 10 דעקא פוטער א חודש האט מען געגעבן.
אבער זיי האבן פארלאנגט מען זאל ארבעטן – "ארבעט מאכט דאס לעבן זיס".
טילא, ארבעטן, וואלט שוין גוט געווען. מען האט געשלאגן און געהרגעט,
יעדן טאג האט מען אויסגעקליבן א פרישע סעלעקציע און אוועקגעשיקט צום
טויט.

"קאסארירט" זענען געווען אן ערך 300 מענער און 80 פרויען. מען
איז געווען זייער נידערשלאגן. מען האט געזען, אז עס איז שלעכט. מען
וועט אונדז לאזן ארבעטן אזוי לאנג, ביז מען וועט אונדז דארפן. די
דייטשן טראכטן זיך: "זאלן די פערד ארבעטן און זייער צאל-טאג וועט
קומען." "איר לעבט זא לאנג ווי איר ארבעט". מיר זענען הילפלאזע מענטשן,
אלע וועגן זענען פאר אונדז פארשטעלט. זיי קענען דאך מאכן מיט אונדז
וואס זיי ווילן גאר אליין. גאר לויט ווי אנדערע זענען געווען קאסא-
רירט איז נאך ביי אונדז געווען גאלד.

עס איז געווען ביי אונדז אין שטאט א האפט-לאגער מיטן נאמען
"האטאג", דארט זענען געווען ביי 2000 מאן. זיי האבן פון אנפאנג
מיטגעמאכט איובס צרות, שרעקלעכע זאכן, נישט קיין עסן, נישט קיין
שלאפן. אלץ האט מען ביי זיי צוגענומען. זיי האבן געארבעט בייטאג און
ביינאכט. זייער א סך זענען געפאלן ביי דער ארבעט.

מען האט געהערט, אז עס וועט געשאפן ווערן א קלענער געטא.
ס'וועלן ווערן אפגעגעבן א פאר גאסן. נאך דער ארבעט וועט יעדער קענען
גיין א היים, וועט האבן א שטוב און א בעט, וווּ דעם קאפ אוועקצולייגן
נאך אזא שווערן טאג ארבעט, נישט זיין אזוי צוגעבונדן ווי א הונט צו
דער קייט. אבער מ'האט לאנג געדויערט און מיר זענען געזעסן.

---

א. די ערשטע "קאסערנאציע"

אבער ווי טרויעריק איז געווען, וואס מען האט כסדר געהערט, אז ס'איז ווידער אן אקציע אויף דער גאס און אויף דער צווייטער גאס. כמעט גאנץ טשענסטאכאוו איז שוין באלד געווען יודן-ריין. שטעלט אייך פאר, מיר בלייבן יתומים, אלץ איז אוועק צום טויט. די ס.ס., פאליציי, זשאנ-דארמעריע און אוקראינער האבן גוט געזוכט, ווען איינער האט זיך באהאלטן באנן געפינען האט מען אויך באלד געשאסן אויפן ארט. מיט דער הילף פון דער פוילישער און יידישער פאליציי האט מען ארויסגעשלעפט פון די בונקערס.ˣ מענטשן גלייך ווייסע ווי קאלך, אויסגעהונגערטע. פרויען און קינדער האט מען גלייך פארטיק געמאכט.

די גאסן פון וועלכע מען האט ארויסגעיאגט די יידן האבן שרעקלעך אויסגעזען. די גאסן טויט. די הייזער, וווּ מענטשן האבן געלעבט ראיק און שטיל, יעדע פאמיליע צוזאמען, פון וואנען מען האט געהערט דאס גע-זאנג און טאנצן פון די קינדער, וועלכע האבן זיך געשפילט מיט די מו-טערס, זענען איצט לער /פוסט/. קיינער איז נישטא, א בית-הקברות. מען זעט אויף דער גאס ליגן זאכן, וועש, וואס אומגליקלעכע מענטשן האבן געטראגן ס'ליגן שענק, בענק, מעבל. אויף דעם מוז מען קוקן, דאס הארץ קען פלאצן פאר ווייטאק.

מען האט בפירוש געהערט פון הויפטמאן דעגענהארט אליין, ווען דער דירעקטאר פון "האסאק" האט פון אים געפאדערט מענטשן צו דער ארבעט, ווען איז נאך געווען די אקציע, האט ער געענטפערט: "היינט מוז דער ווונטש פון פירער ערפילט ווערן, די מענטשן מוזן גיין צום טויט, נישט צו קיין ארבעט". דער ריכטיקער מערדער פון דער ס.ס. און זשאנדארמעריע. אויפן באפעל פון ראדאמער ס.ס. האט ער זיך גענומען צו טשענסטאכאוו, ראדאמסק, פיאטרקאוו א.א.וו.ˣˣ

---

x. אן ארט, וווּ מען האט זיך באהאלטן האט געהייסן בונקער.

xx.דאס געגנערשאפט גוויירבאסעטסט.



*Hitleristn bejdikn ojs di keszenes fun di kdojszim*

פּיס גענעראלגאבערנאמענט

די אקציע איז ווייטער געווען אין גאנג, מען האט כסדר געזוכט. אז מען האט נאר געכאפט א ייד באהאלטן פארשטייט זיך, וואס מען האט מיט אים געמאכט? ייִדער פיל האט מען אויסגעשיקט און א סך האט מען אויסגעהרגעט אויפן ארט. אויך די מענטשן, וואס מען האט אויסגעקליבן צו דער ארבעט, האט מען אויך נישט געלאזט לעבן, מען האט כסדר געמאכט סעלעקציעס, דורכגעזוכט און דורכגעזיפט, כדי צו זען, ווער עס טויג צו דער ארבעט און ווער נישט. אויך ווען עס האט אויסגעפעלט צום טראנס- פארט דער סכום /צאל/ האט מען צוגענומען. אויפן ארט האט מען אויסגע- טאן די שיך. דער מענטש האט דאך קיין ווערט נישט, ער גייט דאך סיי ווי צום טויט. אבער די זאכן און געפעק האט מען צוגענומען.

ביי דער ארבעט איז דער מענטש געשטאנען אין שרעק, ווייל ער האט נישט געוווּסט, וואס די מינוט קען ברענגען.

ס'איז געקומען א באפעל, אז אלע קאזארמירטע מוזן קומען אין קליי- נעם געטא און יעדן טאג גיין צו דער ארבעט. געטא-פעלטע וואכן ארום און ארום גוט באוואכט. מען האט געמוזט זיך היטן פאר דער ס.ס., זשאנדאר- מעריע, שוץ-פאליציי, פוילישע און אוקראינישע פאליציי, געסטאפא און פאר דער איינענער יידישער פאליציי. ס'איז געווען נאר איין אויסגאנג. פארן אויסגאנג איז געווען א דייטשע וואך, ס'זענען אויך געשטאנען פוילישע און אוקראינישע פאליציאנטן, ווי אויך יידישע אורדנונגס-דינסט. ביים אויסגיין האט מען געמוזט ווערן געצאלט און אויך ביים אריינ- גיין. יעדער איינער האט געמוזט טראגן א נומער. מיין נומער איז געווען 2015 אונטערן מגן-דוד. דעם נומער האט מען געמוזט טראגן אויבן, אויפן מלבוש. דער נומער איז געווען אלץ - דער נאמען, ביינאמען און די וווי- נונג, אזוי ווי ביי הינט. אומעטום איז געווען דער דייטשער אויפשריפט: "פאר יידן און הינט פארבאטן".

5 פארטאג האט זיך יעדע גרופע פארזאמלט און צוזאמען איז מען
ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט. ביים ארויסגיין האט מען אלעמען אפגע-
שטעלט און יעדן רעוויזירט, צי ער טראגט גארנישט מיט זיך. איך בין
ביי־געווען א מאל. איין מאל ביים ארויסגיין האט אייבער געטראגן מיט
זיך א פאר העמדער צו פארקויפן.אויפן וועג האט ער זיי פארקויפט, כדי
צו קענען קויפן א ברויט. ביי דער שווערער ארבעט האט מען נישט בעקענט
לעבן פון דעם, וואס די קיך האט געגעבן. דער אבערוואכמייסטער <u>איבעשער</u>
/ / האט דאס באמערקט. ער האט אים גלייך ארייגערופן אויף
דער "<u>וואך</u>". דעם ייד איז געגעך געווארן קאלט און ווארעם. קודם האט
מען אים גוט געשלאגן, דערנאך האט מען אים געהייסן אראפלאזן די הויזן
און איבעשער אליין האט געגוסען דעם שטעקן, וועלכן ער האט שטענדיק ביי
x
זיך געטראגן . ער האט אים אזוי לאנג געשלאגן ביז דער ייד איז אוועק-
געפאלן אין חלשות. ער איז קוים ארויס א לעבעדיקער. אזעלכע פאלן האבן
פאסירט אפט.

טייל מאל פלעגן גיין קאנטראלן זוכן אין די שטיבער, צי האט זיך
נישט עמעץ באהאלטן און וויל נישט גיין צו דער ארבעט. גראד איז אריינ-
די
געפאלן צו אונדז אין שטוב א קאנטראל, אאא צווייטע האבט פון האופטמאן,
<u>קאפארט</u> / /, אן אבערלייטענאנט. ער איז אריין מיט א יידישן
פאליציאנט. איך בין געווען ביי דער ארבעט. אייגער האט זיך באהאלטן אין
א קאסטן, דער צפרייטער האט נישט באוויזן זיך צו באהאלטן. מען האט גע-
וווסט, אז פאר נישט גיין צו דער ארבעט, קומט טויט־שטראף. מיר האבן
געווויינט אויפן ערשטן שטאק. מען האט געהערט, אז זיי גייען שוין צו
אונדז, קיין אנדער אויסוועג איז נישט געווען, דאס פענצטער איז גראד
געווען אפן, האט ער געשפרונגען פון ערשטן שטאק און זיך באהאלטן אויפן

---

x. דער שטעקן האט געהייסן "סעלעקציע"-שטעקן. ער פלעגט אנכאפן מיטן
שטעקן דעם מענטש ביים קאפ און אזוי ארום ארויסגעשלעפט.



אַ באַנדע ס. ס. באַנדיטן האָבן געצווּנגען א ייד פוּן שטעטל זשאַרקי, ער זאָל פאַר די וועלכע ליגן אויסגעצוינן בעטן אַז מען זאָל זיי נישט אומברענגען. דאָס בילד ווייזט אונדז, ווי די מערדער שטייען אַרום די אויסגעליינגטע יידן און לאַכן.

בוידעם.

ביי דער ארבעט האט נישט געטויגט. מען האט געשלאגן. דער טאג איז געווען גרויס, ווי די יידישע צרות. ווען מען איז שוין געקומען פון דער ארבעט אין געטא אריין, האט מען איבערגעקלערט, ווער ווייס, ווען האט מען שוין ווידער געשאסן, ווען האט מען שוין ווידער א געשיקט צום טויט. אזוינע טעג און נעכט האט מען מיטגעמאכט. מען זאל לעבן ווי לאנג, קען מען נישט באשרייבן וויפל יידיש בלוט איז פארגאסן געווארן, און וויפל מען ווייס נישט איבערהויפט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען. דאן איז געווען פאר אונדז די גאנצע וועלט פארשלאסן. דאס, וואס איז די ס.ס. און דייטשן געפעלן געווארן, האבן זיי געמאכט מיט אונדז – געשאסן, געהרגעט, געהאנגען, פארברענט, פארגאזט. די גרעסטע איסטייגערונג איז געווען ביי די דייטשן, ווען זיי האבן געמאלדן, אז ווער עס האט מער יידן געהרגעט.

היטלער, דער שעף פון דער ס.ס. און געסטאפא איז געווען דער גרינדער פון די טויט-פאבריקן טרעבלינקע, מאידאנעק, אשוויענטשים און אנדערע.

וואס זאל מען טאן, מען איז פארטשעפעט יעדער טאג געיין צו דער ארבעט. שטעלט אייך פאר, ביי יעדן איז דאס הארץ צעבראכן. יעדן אייגענעם פעלט א ברודער, א שוועסטער, מען איז לעבעדיקע יתומים.

עס איז געווען איין פאמיליע, וואס איז געווען צוזאמען. מיט גרויס מי און שרעק איז זיי געלונגען זיך צו באהאלטן ערגעץ אין א לאך. זיי האבן נישט געגעסן. נאך א פאר וואכן האבן זיי זיך ארויסגע-קריגן אין קליינעם געטא, אבער זענען אויך נישט געווען זיכער. די שוץ-פאליציי האט בסדר קאנטראלירט צי עס געפינען זיך נישט קיין עלטע-רע מענטשן און קליינע קינדער. ס'איז ארויס א באפעל מען זאל צושטעלן אלע קינדער. דער הויפטמאן פלעגט מאכן ספעציעל פאר קינדער קינדער-

דער האפטמאן פלעגט מאכן ספעציעל
פיר קינדער. קינדער-גארטן, אזוי ארום
די קינדער פון דער באנגער צו געפינען.



אויפגעכאפּטע יידישע קינדערלעך ווערן אין די וואַגאָנען אָפּגעשיקט קיין אושוויץ.

איינער איז אנטלאפן געשפרונגען פון
אויטאָ. נאר מען האט אים געכאפט און צוריק
געבראכט און די קליינע-געטאָ צו ה' קורלאנדער פון יודן-ראט

גערטנער, כדי אזוי ארום די קינדער פון די בונקערס צו געפינען.שטעלט איך פאר די מוטערס, וואס האבן די עטלעכע קינדער מיט כוח און בלוט געראטעוועט און יעצט פארפאלן. ס'פארפארן לאסט-אויטאס, מען נעמט די קינדער און מען ווארפט זיי ארויף, ווי עס וואלטן גאר קיין קינדער ניט געווען, נאר עפעס היבש. מען ווישט זיך די טרערן. א סך מוטערס פארן אא מיט זייערע קינדער, אויב שוין זאל מען זיי אויך. דאס האבן כלומרשט געהייסן די איבערגעבליבענע, וועמען דאס לעבן איז פארלויפיק געווען געשענקט. אבער נישט איין מאל האט מען באדויערט און מען פלעגט זאגן: הלוואי וואלטן מיר געגאנגען צוזאמען מיט אונדזערע נאענטע צום טויט, איידער צום לעבן און צו זען אזוינע לעבעדיקע צרות, זיך צוקוקן ווי עס ווערן געשאסן יעדן טאג אנדערע. יעדן טאג זענען דא אנדערע גזירות רעות.

אין איינעם שיינעם פרימארגן איז געקומען דער האופטמאן רעגענהארט י"ש און באפוילן זיך צושטעלן אלע אדוואקאטן, דאקטוירים, אינזשינירן, אינטעליגענץ, ווי אויך די גאנצע יידישע געמיינדע. געווען איז דאס, כ'געדענק, פורים. ס'האט געהייסן, אז זיי ווערן פארשיקט אין א צווייטן לאגער, כדי דארטן איבערנעמען די גאנצע אנפירערשאפט. אבער ליידער, צום באדויערן, אאא אין א צווייטע גאס זענען שוין געווען אנגעגרייט לאסט-אויטאס מיט זשאנדארמעריע און פאליציי. גלייך האט מען זיי ארויפגע-יאגט אויף די אויטאס, וועלכע זענען פארפארן צום יידישן בית-עולם. איינער / הער קורלאנד - Kurland פון יודן-ראט/ איז אאאאאאא געשפרונגען פון אויטא און אנטלאפן. מען האט אים געכאפט און צוריק גע בראכט אין קליינעם געטא.

אויפן בית-עולם האט מען אלע אויסגעשטעלט, געהייסן גראבן פאר זיך א גרוב. די מערדערס מיט מאשין-געווער האבן אלעמען געשאסן. דארט זענען אויך געווען קליינע קינדער. ווען ס'האט זיך געטראפן א זשאנדאר,

וואס האט געזאגט, אז דאס הארץ לאזט אים נישט שיסן, ער קען נישט פאר גארנישט שיסן אומשולדיקע מענטשן, האט מען אים גלייך אפגעזאגט און אים פארשיקט אויפן פראנט, ווייל מיט דעם איז ער א ייִדן-פרייַנד.

דאס האט געשפּירט א לאנגע צייט. אויף די פלאצווּקעס, וווּ מען האט געארבעט האט מען נאר רעדוצירט. דאס הייפעלע ייִדן איז וואס א מאל קלענער געוואָרן. ווען מען איז ארויס צו דער ארבעט האט מען נישט געוווּסט צי מען וועט נאך צוריקקומען אין געטא.

פון מיין ארבעטס-פלאצווּקע "לופטוואפע", וואס איז פריער באשטאנען פון 350 מאן, זענען געבליבן ביי א 30. יעדן טאג האט מען צו עטלעכע צוגענומען און זיי פארשיקט. איך האב געזען, אז כ'בין איינגעשטעלט, איז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס כ'וועל האבן שווערע ארבעט, בין איך געגאנגען ארבעטן אין דער פירמע "האסאג". יעדן אייגעם איז באקאנט ווי דארט האט אויסגעזען, ווי אזוי מען האט דארט טראקטירט מענטשן, ווי אזוי האט מען דארט געמוזט ארבעטן.

ווען מען איז ארויס צו דער ארבעט איז נאך געווען גוט פינצטער און א היים איז מען געקומען אויך פינצטער. געהיט איז מען געווען דורך "ווערקשוצן", וואס האבן נישט געלאזט אפאטעמען. ווען זיי האבן אייגעם געפאקט א טיגער זיך אפרוען, האט מען אים באלד געגעבן אויף דער "וואכע". פארשטייט זיך, אז מען האט אים אריינגעשלאגן ביז 50 געזונטע באטקעס. ווען ער איז צוריקגעקומען האט מען אים נישט דערקענט, געווען האלב טויט. ווען מען האט א טאג געלאזן און נישט געקומען צו דער ארבעט, האט מען געבוי געוווסט. דאן האט מען געמוזט זיין אויף דער "וואכע" און נאכער האט מען איבערגעלאזט אין בונקער אויף 24 שעה אן עסן. יעדער אייגער האט אפגעהיט די ארבעט און נישט דורכגעלאזן קיין איין טאג. אלץ וואלט גוט געווען, ווען מען לאזט אונדז שוין לעבן.

---

X. עס איז נישט געווען קיין אויסנאם, צי ס'האט געקענט צי נישט.



**Fun der noenter fargangenhajt**

*Di blutdursztike merder baj der „arbet“*



[illegible]

אין קליינעם געטא האט מען געהערט פארשיידנס. מען האט געזאגט, אז די אלע, וואס ארבעטן אין "האסאג" וועלן ווערן קאסערירט אין פאבריק און די איבעריקע וועלן ווערן אוועקגעשיקט, אדער אויסגעשאסן אויפן ארט-אינעם קליינעם געטא. אבער דער האפטמאן דעגענהארט האט שוין געוואוסט, וואס ער זאל מיט אונדז מאכן. פאטראלן זענען געגאנגען טאג און נאכט און האבן אונדז גוט געהיט.

איך באמערק נאך א מאל. מען זאל נישט מיינען, ווען מען וועט דאס א מאל לייענען, פארשטייט זיך דער קומענדיקער יונגער דור, אז דאס איז עפעס אזא מעשה-ביכל, אדער וואס אנדערש, אן אויסגעטראכטע היסטאריע - דאס, וואס איך שרייב האב איך נישט געהערט, אדער אויסגעטראכט, נאר אלץ אליין מיטגעמאכט און געזען מיט מיינע אויגן. ווייל איז צו דעם דור, וואס האט דאס נישט געזען און נישט דורכגעמאכט, זיי וועלן לעבן פיל לענגער פאר אונדז. מען קען זיך דאס גארנישט פארשטעלן. דאס קען די וועלט עדות זאגן, אפשר נישט די גאנצע, אבער גאנץ אייראפע האט פארזוכט דעם אזא ביטערן און טרויעריקן טעם פון דייטשן מערדער, די ס.ס.-מענער. דאס איז טאקע נאך נישט געהערט געווארן, די וועלט קען זיך אליין נישט גלייבן, ניין. דער דייטש האט געמיינט, אז ער וועט דאס פארדעקן /אזא זאך/, אבער דער אמת, די ווארהייט מוז שטענדיק קומען.

כ'בין 6 יאר געווען אין זייערע הענט. ער האט געמאכט מיטן ציווילן עולם דאס, וואס ער האט געוואלט מאכן - געשאסן, געהאנגען, בע-ברענט א.א.וו. אבער ניין, דאס וועט אים נישט זיין געשענקט, דאס אומ-שולדיק בלוט וועט אים נישט לאזן רוען. די שאנדע און דער פלעק וועט אזוי גיך נישט פארגעסן ווערן. איך גלייב אין דעם שטענדיק. אויב ס'איז נאר דא איין שטיקל אמת, וועט מען נישט דערלאזן. אייביק וועט דאס פאר-בלייבן אין זכרון, ווייל יעדן איינעם ליגט דאס אויפן הארצן, ביי יעדן איינעם, וואס דער גורל האט אים בעלאזט ביים לעבן. יעדער איז דאך בע-



צוויי מענער און איין פרוי זיינען צוזאַמען אויפגעהאָנגען געוואָרן אין לאָדזש אויפן באַלוטער־מאַרק. באַלד אין די ערשטע טעג, ווען די דייטשן זיינען קיין לאָדזש אַריינגעקומען.

בליבן א קיילעכדיקער יתום, אן א פאמיליע, אן שוועסטער, אן ברידער, אן
עלטערן. אלץ איז מיטן רויך און פייער געגאנגען. אזא זאך קען מען נישט
פארגעסן און שטעגדיק איז דאס אויפן הארצן. ער ווייס דאס דערציילן זיינע
קינדער, נישט וואס ער האט עפעס געלייענט אין א מעשה־ביכל, נאר דאס,
וואס ער האט אליין דורכגעמאכט. כ'בעט איבער אייב עס זענען דא גרייזן
אין מיין שרייבן, אדער כ'האב אלץ נישט גענוי געשריבן. פארשטייט זיך,
אז אלץ קען מען נישט געדענקען, ס'איז געבליב דאס, וואס איך געדענק.
דער קאפ איז שוין נישט אזוי ווי א מאל.נאך אזוי פיל אדורכגיין קען
מען אלץ נישט געדענקען. אלזא כ'וועל ווייטער שרייבן.

ארבדיזער לאגע איז געווען זייער א טרויעריקע. מען האט זיך באר־
נישט אפגעגעבן קיין חשבון־[illegible] ווי מען זעט אויס. ס'איז געקומען א
צייט, וואס מען קען פון מענטשן אזוינס מאכן - פריער ארבעטן און נאכער
גיין צום טויט.

פון דער ארבעט איז אלץ געווארן אפגעריסן. אנשטאט שיך זענען מיר
געגאנגען הילצערנע טרעפן, מען האט זיך די פיס אפגעריסן, ווייל נישט
יעדער האט געקענט אין דעם גיין. פאמעלעך האט מען זיך צו דעם אויך
צוגעוווינט.די אנצוגן זענען געווען פאפירענע און ווער ס'האט נישט גע.
האט קיין העמד איז אים די הויט געווארן אפגעריבן. צו א פאר פאפירענע
הויזן איז אויך שווער געווען צוצוקומען. ווען אן ארבעטער איז א מאל
צוגעגאנגען צום דירעקטאר /ברעט־שניידער/ בעטן א פאר הויזן, ער זאל
האבן איבערגעטאן /מען איז געווען שרעקלעך אבגעטאן, פשוט נאקעט/ און
האט אים געזאגט, אז ער ארבעט זייער פלייסיק. אויף דעם האט אים דער
דירעקטאר געענטפערט:"זייט צופרידן, וואס דו ארבעטסט, ווען נישט קומסט־
טו אין "היטלערס קאמאנדע", גייסט צום טויט".

שטענדיק האט מען ביי זיך געטראגן דאס טעפל פון די זופן. מען
איז געשטאנען אין קאלייקע נאך א ביסל "רעפעטא" און נישט שטענדיק איז

געווען. איין מאל, ווען הונגערטער מענטשן זענען געשטאנען נאכן ביסל "רעפעטע" איז געקומען א"ווערקשוץ" און האט דערזען, אז ביי איינעם איז דאס שעפל איבערגעריכט /און דאס איז נישט קיין וואונדער, אז ווען האט ער געזאלט דאס אויסטראשן. ער איז דאך געווען פארנומען א גאנצן טאג/, האט ער גענומען א שטעקן. אלץ צוהאקט און דאס עסן האט מען גענומען פאר די חזירים. /פאר די חזירים האט מען ספעציעל געקאכט א קעסל מיט קארטאפל און אנדערע זאכן/. אבער פאר די מענטשן, וואס האבן געארבעט 12 שעה אזוי ווי די אייזלען, האט מען געקאכט וואסער מיט קארטאפלעס. מיר זענען דאך געווען פארמשפט צום טויט, איז געווען א שאד פאר אונדז עפעס אנדערש.

אלץ האט מען גענומען פאר ליב, ווייל מען האט געוווסט, אז נאך דער ארבעט קערט מען זיך אום צוריק אין געטא, ווו ס'קען זיך טרעפן איין חבר מיטן צווייטן, א ברודער קען זיך טרעפן מיט א שוועסטער און קען זיך דאס הארץ אויסוויינען, זיך צוזאמענקומען.

אבער אין א שיינעם פרימארגן, ווען אלע זענען געווען ביי דער ארבעט, האט מען געמאכט אן אפעל. דער דירעקטאר פון דער פאבריק האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלץ ווערט קאזארמירט אין דער פאבריק. קיינער וועט שוין נישט קומען מער אין געטא. אלע זענען געבליבן שטיין ווי געשטארבן, א סך זענען אוועקגעפאלן, ווייל אלץ האט דער מענטש געהאט אין געטא [x]. איז געבליבן נאר ביי דעם, וואס ער טראגט אנגעטאן, אן א העמד, קיין געלט. יעצט האט מען געזען, אז עס קומט אויס אויסצוגיין פון הונגער. דער געטא ווערט אויפגעלייזט. 4000 מאן ווערן קאזארמירט. אין געטא זענען געבליבן ביי א 3000 מאן, עלטערע און קינדער, וועלכע באהאלטן זיך אויס אין די בונקערס.

---

x. מען מיינט דעם קליינעם געטא.

ווען איינער איז פון דער שווערער ארבעט געשטארבן האט מען אים ארויסגעווארפן אין א פאפירענעם שטיק.

מען מיינט די ״קליינע גנבים״



צוויי רבנים האָבן געסמזט אין שטעטל ראַווע שטיין
און זען ווי מען הענגט אויף אייניקע יידן. שפּעטער
זיינען אויך די צוויי רבנים דערשאָסן געוואָרן.

דאס אויפלייזן רעם געטא האט אויסגערופן זייער שרעקלעך, דאס בלוט האט גערונען אין די רינשטאקן. מען האט מענטשן אויסגעבארט, מען האט זיי אויסגעריסן, אז מען זעט זיי נישט שיסן, זיי וועלן ביין צו דער ארבעט. פון איין בונקער האט מען ארויסגעצויגן עטלעכע מאן, מען האט זיי פארפירט אין א געסל און געשאסן. זעענדיק, אז די מענטשן ליגן ווייטער באהאלטן, האבן זיי ארייגעווארפן גראנאטן אין די בונקערס און זיי אויפגעריסן. זעענדיק, אז אויך דאס העלפט נישט, האבן זיי מיט דינאמיט אויפגעריסן די בונקערס. ביז 3000 מאן זענען געווארן פארשאטן אונטער די רוינעס און פארברענט געווארן.

די זשאנדארמעריע און שוץ-פאליציי זענען אריין אין איין שטוב און געטראפן אין א בעט ליגן א קינד און ווייגט, ווייל די מוטער איז שוין טויט. האט איינער אנגענומען דאס קינד ביי די האר X, עס געקלאפט אן מויער, ביז ס'האט אויסגעהויכט די נשמה. אזויגע שרעקלעכע פאקן זענען געווען זייער פיל ביים אויפלייזן דעם XXXX קליינעם געטא.

פאר די דראטן זענען געשטאנען לאסט-אויטאס, וואס האבן געווארט אויף די קרבנות און דערנאך זענען זיי פארפארן אויפן יידישן בית-עולם. מען האט אויסגעשטעלט קינדער פון 10 ביז 15 יאר ביי א 30 און מען האט שוין געוואלט זיי שיקן צום טויט איז אין דער זעלבער צייט אנגעפארן דער דירעקטאר ליס / / פון "האמאק". ער האט געזאגט צום האופטמאן, אז די יונגטלעכע וועט ער אויך דארפן צו דער ארבעט און זיי זענען אראפ דעם געכטערוועס געווארן. מען האט זיי אפגעשיקט אין פאבריק אריין צו דער ארבעט.

---

X. זע זייט 4



**AUF WESSEN BEFEHL?** Die Reste von Opfern, die auch einmal Menschen waren

Aufnahmen Röhnert

דער קלייבער בעטא איז דאן בעשטאנען אין פייער, געווען ארבעטער־געצונדן פון אלע 4 עקן. זיי האבן זיך באגוצט מיט אלע מינים געווער, ווי: אמוניציע, אאא גראנאטן א.א.וו. עס ~~איז~~ זיינען געווען אריסגעמישט בלוט, מענטשן, רויך, גראז, מויער און שטיינער. די מענטשן האבן אריסגעהויכט זייערע נשמות צוליב די דייטשע מערדער און ס.ס. ביין, דאס וועט זיי נישט געשענקט ווערן!

דאן איז פאר זיי געווען דאס גרעסטע געווינס, זיי האבן דאס זייעריקע אפגעטאן, זייער שטיקל ארבעט פארטיק געמאכט, אבער זיי האבן זיך אויף דעם נישט אפגעשטעלט. מען האט נאך ארייבגעקלערט וועגן דעם ביסל יידן, וואס איז נאך געבליבן, וועגן די פאר טויזנט יידן אין דער פירמע "האסאק". זיי האבן זיך נאך נישט אנגעזעטיקט מיטן יידישן בלוט. די שטאט האט געמוזט זיין "יודן־ריין", אן אויסנאם באר די, וואס האבן געארבעט. מען האט די איבערגעבליבענע מענטשן אייבקאשאירט. נישטא ווו אהינצוטאן די מענטשן. די "ווערקשוצן" הויבן אן יאגן. מען ווערט מיד בלויז פון שטיין. יעדן אייבעם ווערט צוגעטיילט ארבעט. ווען מען קומט פון דער ארבעט איז נישטא פארלויפיק ווו זיך צו לייגן.

מען האט אונדז געגעבן אין גרויסע סאלעס, ס'איז פינצטער, נישטא קיין שויבן. איינער איז געפאלן אויפן צווייטן. יעדן אייבעם האט מען געגעבן א ביסל "האלצוואל", דאס לייגט מען אויס אויף דער קאלטער שטיי־נערנער פארלאגע. ס'ציט, אזוי שלאפט מען, מענטשן פארקילן זיך. 5 אזיי־גער פרי קומט די יידישע פאליציי און וועקט אונדז צו דער ארבעט. זיי זאגן, אז קראנטער איז פריער זיך אויפצוהויבן, איידער די היגטישע "ווערקשוצן" זאלן מיט די קאלבעס שלאגן. אזוי גייט דאס טאג און נאכט. מען זעט קיין הילף. מען מיינט, אז אזוי מוז עס שוין זיין. פאר אונדז איז די וועלט געשלאסן. מען מוז אזוי לאנג ארבעטן ביז מען וועט אויס־האלטן. ס'איז נאך נישט געענדיקט. מען האט נישט געוווסט, אז עס דער־ווארט אונדז נאך ערגערס און ראיגער:







ביצר פולבער זרען געווארען אויס גענומען א 44 מאן
דורך אין יודישען פארטיזנען!

1 אזייגער בייטאג /כ'האב גראד געהאט נאכט-שיכט/ איז געקומען
דער האופטמאן און פיל פון דער שוץ-פאליציי. די גאנצע פאבריק איז גע-
וואָרן באשטעלט דורך דער זשאנדארמעריע. די מייסטערס האבן באקומען א
באפעל, זיי זאלן ארויסגעבן די אלע, וואס זענען נישט פעיק צו דער
ארבעט - קראנקע און עלטערע -. מען מאכט אן אפעל, מען ווערקט אלע אויף,
אלץ שטייט שוין אויף די פיס. מען מאכט א פרישע סעלעקציע אויף די סא-
לעס, וווּ מען האט געארבעט בייטאג. מען הויבט אן דורכקוקן יעדן איי-
נעם. שטעלט אייך פאר ווי דאס האט אויסגעזען. יעדער אייגער איז ווי
געשטארבן. מען נעמט ארויס יונגע, שיינע ביימער, זיי שטייען און בעטן
זיך, מען זאל זיי לאזן לעבן, אבער דער איבזשיניער **שפאלטענהאלז**
דער מערדער, ער קוקט נישט דערויף. ער גייט נאך, ווי
זיין שטייגער איז, א קאפע.

אייגער רייסט זיך די האר פון קאפ, וויינט, ווארפט זיך אויף
דער ערד און בעט זיך, מען זאל אים לאזן לעבן. עס העלפט גארנישט.
אייגער באהאלט זיך אין קלאזעט. ער זעט ווי די "ווערקשוצן" זוכן אר-
מעטום, ער שפּרינגט דורכן פענצטער און די "ווערקשוץ" דערשיסט אים.
ס'האט פאסירט, אז ביי דער סעלעקציע האט איין מייסטער געוואלט ראטע-
ווען איין ארבעטער פון ארבדזער מאלע. איך האב אים זייער גוט געקענט,
זיין נאמען איז געווען **הערשל פעפער**, אבער ער האט זיך אפגעזאגט. ער
האט דעם מייסטער געענטפערט: "ס'איז שוין בעסער, אז כ'גיי צום טויט,
איידער זיך ווייטער צו פייניקן, ס'איז בעסער פריער ווי שפעטער".

צו דעם אלעם קוקט מען זיך צו. מען האט די סעלעקציע ארורכגע-
פירט. די זעלבע נאכט האט מען אלע מיט לאסט-אויטאס ארויסגעפירט
אויפן יידישן בית-עולם. די איבערגעבליבענע האט מען געהייסן באלד
צוטרעטן צו דער ארבעט. שטעלט אייך פאר מיט וואספאר הארץ איז מען גע-
גאנגען צו דער ארבעט. נאך דעם, אז מען האט געזען א מייסטער, איז ווי

מען וואלט געזען דעם מלאך־המות.

מיט דעם איז מען נאך ניט פטור. מען האט גענומען די גאנצע יידישע פאליצײ מיט די פרויען און קינדער. זײ האבן געהאט א שווערן טויט. מען האט זײ אויסגעטאן נאקעט און זײ געבונדן. אזא דער מייסטער פארש / / האט גענומען א האמער און געשלאגן זײ אין מוח, זײ זאלן ווערן ניט פשימאמבע /באוואוסטלאז/, זײ זאלן זיך ניט ווארפן. מען האט זײ ארויפגעווארפן אויף די אויטאס און זײ ארויסגעפירט אויפן בית־עולם און זײ דארט אויסגעשאסן. דאן בײנאכט זענען געפאלן אן ערך פון א פאר הונדערט מאן.

געזאגט האט מען, אז זײ וועלן מיט אונדז אויך דאס זעלבע מאכן. פאר־לויפיק זענען מיר נאך פעיק צו דער ארבעט. און צווישנס, א יידישער ארבעטער האט זײ פיל ביליקער אויסגעמאכט, ווײל ער האט דאך געדארפט ארבעטן און בײ דער ארבעט איז ער ניט געווען זיכער.

פאסירט האט א מאל א פאקט: דעם זעלבן האב איך גוט געקענט. ווען ער איז געווען אין אבארט און זיך גארנישט געריכט, האט ער דורכן פענצ־טער געכאפט 3 קוילן. קײן לעבעדיקער איז ער שוין ניט ארויס. דאס האט א"ווערקשוץ"געמאכט. דער זעלבער האט איבערגעלאזט א קלײן ברודערל פון 10 יאר /דאס איז געווען אויף דער מאלע "רעקאליבריזנג"/. דער ברודער האט אים געראטעוועט פון אלע פייערן. ווען עס פלעגן פארקומען סעלעק־ציעס פלעגט ער אים באהאלטן אין א רוקזאק. דאס ייִנגעלע האט צוזאמען מיט מיר געארבעט. ער איז נעבעך אלײן געבליבן, איז לעבן געבליבן און איז הײנט אין ישראל.

דער ווערקשוץ־לייטער איז אײן מאל ארײן אין שפיטאל און ארויס־גענומען פון דארט עטלעכע. זײ האבן געוווסט, אז זײ גײען צום טויט, זײ האבן זײער שלעכט אויסגעזען. א מײדל פון 16 יאר האט זיך געבעטן אז זי וועט ארבעטן. מיט אן אויטא האט מען זײ צוגענומען אויפן בית־

עולם און באלד דארט פארטיק געמאכט. ווען די טויטע זענען שוין געלעגן אין גרוב האט מען נאך אריינגעשאסן צו זיי.

מען האט געזען, אז עס ווערן ווייניקער יידן. דער שרייבער פון די שורות איז אליין געווען און האט געזען, ווי טאג טעגלעך פלעגט מען ארויספירן מענטשן פון לאגער געשטארבענע פון הונגער און קעלט. ארבעט האט זיך געמאכט וואס א מאל מער, האט מען געבראכט יידן פון אנדערע שטעט, פון לאדזש / Łódź/ און סקארזשיסקא / Skarżysko/. מען האט געזען, אז מען וועט שוין פון דאנען נישט ארויס. מיט דער ארבעט האט מען געיאגט, מען זאל יעדן טאג מאכן מער.

דער ס.ס.-מערדער בארטענשלאגער/ /, וואס איז גוט באקאנט, איז ביי אונדז אויך געווען. ווען די נאכט-שיכט איז ביי טאג געשלאפן איז ער אריינגעפאלן אין א באראק. מיט דער הילף פון "ווערק-שוץ" האט מען אלע ארויסגעיאגט אין די בלויזע העמדער. אזוי האבן זיי געמוזט לויפן ארום דעם באנבן פלאץ מער ווי א שעה. נאך אזא טאג, ווי אזוי האבן זיי געקענט ארבעטן ביינאכט?

דער שעף שטיגליץ / / האט אייגעם ארויסגענומען פון באראק א באקעטן און יעדע פרוי האט אים געמוזט אנקוקן.

די הויזן, די מארינארקעס א.א.וו. האבן געמוזט זיין געצייכנט מיט רויטע פארב, אן ארבעטרשייף צי ביי מענער, צי ביי פרויען.

די דייטשן האבן באדארפט בוימקערס, שרך-בראבבנס, האבן זיי אלע אא מצבות x צעהאקט, טייערער מארמור, גוטע מאניער-שטיינער, וואס האבן באטראפן זייער א סך געלט, אלץ האבן זיי צעשמעטערט און יידן האבן דאס געמוזט מאכן.

ס'איז געווען ביי אונדז א פרוי, וואס האט דערקענט די מצבה פון

---

א. דאס איז געווען אויפן שטוטשיבער בית-עולם, אלע מצבות צעהאקט.

איר מוטער. די שטיינער האט מען געבראכט צו ארבעט אין פאבריק. די פרוי האט זיך אנידערגעשטעלט וויינען, דער מייסטער האט דאס באמערקט און האט זי גלייך געשיקט אויף דער "וואכע", ווייל דורך דער צייט האט זי נישט געארבעט.

אבער ס'האט געהייסן, אז ביי ארבעט איז געווען גוט, ווייל ס'זע-נען געווען לאגערן, וווּ ס'איז געווען מיט 100 פראצענט ערגער. איך שרייב נאר דאס, וואס כ'געדענק, מיר זענען פיל מער אדורכגעגאנגען.

מען האט ווידער אנגעהויבן אויסקלויבן מענטשן, געמאכט פרישע סעלעקציעס. פארגעסטערגן האט נישט יעדער פארלוירן די האפנונג. א טייל איז געווען רעזיגנירט און האט געזאגט, אז פאר ארבעט וועט שוין די זיין נישט אויסשפייען; אנדערע ווידער האבן געזאגט, אז אויב מיר וועלן דאס נישט דערלעבן, וועלן דאך בלייבן עפעס וואו יידן, די דייטשן וועלן דאך נישט קאנען אלעמען אויסראטן. וועלן די איבערגעבליבענע דערציילן דער וועלט, וואס מיר האבן איבערגעלעבט און בעטן נקמה פאר אונדזער פיין און אומשולדיק בלוט. א פאלק קען מען נישט איבנאנצן אפמעקן.

אין לאגער איז געווארן וואס א מאל ווייניקער מענטשן, מען האט בסדר אויסגעשיקט. געזאגט האט מען, אז די פאבריק וועט ווערן איבער-געטראגן קיין דייטשלאנד, מוז זײַנען די מענטשן פריער אהין שיקן. אבער עס האט שוין אויסגעזען, אז די דייטשן זענען צעדודערט. מען האט געזען, אז די גרויסע העלדן האבן אויך באקומען מורא און פחד. זיי זענען געווען שטארק נאר לגבי הילפלאזע מענטשן.

מען שטייט און מען ארבעט. ס'איז אן אלארם, ס'פאלן באמבעס, די גאנצע פאבריק ציטערט. מענטשן ציטערן, שרעקן זיך. מען הערט אויף צו ארבעטן. די מייסטערס שלאגן מיט די באגייקעס, אלץ ווערט צעדודערט און די מייסטערס לויפן ארויס פון פאבריק. זיי ווייסן שוין נישט, וואס עס טוט זיך מיט זיי. מיר גייען אויסן טערען /שטח/ "באראקאווע". די ס.ס.

xxxxxxxxxxx

יאגט אונדז ארײַן מיט היבט. הייסן יעדן זיין ברייט מיט די פעקלעך צו וואנדערן ווייטער. מיר קוקן ארויס דורך די דראטן און זעען ארום אונדז פייער. אייבער זאגט גרבא צווישן: די הילף איז שוין נאענט. ס'קומען אן ידיעות, אז די רויטע ארמיי איז שוין אונטער דער שטאט. דאס זענען שוין געווען די לעצטע טעג פון דעם גרויסן גיהנום און צרות.

אבער ווי אזוי קריגט מען זיך ארויס? אלץ איז באשטעלט מיט ״ווערקשוצן״ און ס.ס.-מענער. מיר האבן געמיינט, אז די פאבריק איז געמינעוועט און די דייטשן ווילן אויסזעצן די פאבריק צוזאמען מיט אונדז אין דער לופטן. א טייל איז שוין ארויס דורך די דראטן, וואס האבן זיך געצויגן אויף דער פוילישער זייט.

עס מאכט זיך א באנט און דער שוואבער זאגט: עס איז א פלאן, מיר זאלן זיך אויסבאהאלטן אויף דער ״קאלאניע״ - טערען פאברישני. מען האט נישט לאנג בעקלערט, ס'האבן זיך צוזאמענגענומען עטלעכע מאן און אויף די שורעטער. מען אxxxxxxxxxx ריזיקירט מיטן קאפ, אבער מען האט נישט געקוקט און זיך באהאלטן. ווען מען פאקט אונדז שיסט מען אונדז. די ״ווערקשוצן״ זענען ארומגעלאפן זוכן און געשריען ״ארויס שנעלער!״. זיי האבן כסדר געשאסן. פון יעדן הילך זענען מיר אפגעשטארבן. אבער זיי האבן אונדז נישט געפאקט.

11 אזייגער ביינאכט האט דער ״ווערקשוץ״-לייטער צוזאמענגענומען דאס רעשט ביסל יידן און אונטער דער אויפזיכט פון דער זשאנדארמעריע זיי ארויסגעפירט פון לאגער, כדי זיי אוועקצושיקן ווייטער. א טייל האט זיך אפגעריסן, אבער א סך פון זיי זענען געווארן אויסגעשאסן מיט מאשין-געווער.

אין לאגער איז ליידיק, אבער דאס שיסעריי און די האקעס האבן נישט אויפגעהערט. מען האט זיך כסדר געזעגנט, ווייל מען האט געמיינט, אז אט גייט מען אין דער לופטן מיט דער פאבריק צוזאמען.

12 אזייגער ביינאכט איז די עלעקטרע אויסגעגאנגען, ס'זענען געקומען פאלאקן און האבן געזאגט: "יידן גייט ארויס, דער דייטש איז שוין נישטא. די רויטע ארמיי האט גענומען טשענסטאכאוו". מען האט זיך נישט געקענט גלויבן צי איז דאס וואר, אדער צי איז דאס א חלום. מען האט אנגעהויבן ארויסגיין. קודם כל איז מען ארויס אויף דער "קאלאניע", וווּ די מייסטערס האבן געוווינט. איינער האט אנגעהויבן קושן דעם צווייטן און געוויינט פאר גרויס גדולה און פרייהייט. מען שרייט אויפן קול: "יידן, מיר זענען שוין געראטעוועט!" אויף דער "וואכע", וווּ שטענדיק זענען געווען די מערדערס איז איצט ליידיק. אלע זענען אנטלאפן און דאס געווער איבערגעלאזט. די יידן האבן גענומען דאס געווער. מען איז אריין אין דירעקטארס פאלאץ. פאר אריינגיין אן אַ דערלויבעניש האט געקומט טויט-שטראף און איצט איז ער אפן פאר אלע. די שמחה איז נישט צום באשרייבן – פריי פון טויט, פריי פון דראטן, פריי פון די מערדערס. איצט קען יעדער איינער גיין וווּ ער וויל /אזוי האבן מיר גערעכנט/, אבער מען זעט ווי מען זעט אויס נאך אזוי פיל מיטמאכן, מען האט נישט קיין מנוחה און מען וואנדערט ווייטער און וווּהין? מען האט גלייך אראפגעריסן די נומערן. מען איז געווארן א מענטש מיט אלע מענטשן גלייך. ס'איז געקומען דער טאג פון באפרייונג, ס'האט זיך שוין געשטילט דער צארן אויפן יידישן פאלק ביי אונדז אין טשענסטאכאוו.

מנחם בעסטערבליק 16.1.45

# ב י ל ד ע ר

## ווי די מערדער האבן געפייניקט

געצייכנט פון מיר, דעם שרייבער

פון די שורות

מ נ ח ם ב ע ט ע ר ג ל י ק


4.
S.D.
DAS.WERLASSEN
DAS GEHTO!!!
MIT DEM TODE!
BESTRAFT.
KMENDANT.DER R.
ϟϟ u.POLEZEI. S.P.




דער אַריינפאָר אין דער לאָדזשער געטאָ, דאָס טויער בײַ דער פּאָרזשעשנאַ
רוג זגערזשער גאַס.



*Der geto nochn ojfsztand*


5.
AUF WESSEN-BEFEHL?




די [illegible] מערדער וואס האבען אויף זייער
געוויסען מיליאנען קרבנות!!

[illegible]

N.S.D.A.P. SS. GESTAPO.

"SONDERDIENST" S.P. S.D.

"ŻANDAMERI POLEZIE!"

"WERNICHTUNGS-BATELION" H.J.


7.
Reichsdev
SS
VOLKSSTURM
"HERRNWOLK"


LAUS.VERFLUCHTER!!!
AUF WESSEN BEFEHL?
געדענק!
ברודר אונזער
„נקמה"



דייטשער בעסטיאַלישער קינדער-מאָרד

י קינדער אויפגעהאַנגען אויף א בוים


9.
געדענקט ברידער! און נעמט נקמה!!

10.

ברויט איז זער ווייניג!




אויף איין גאנצן-טאג. און דאס צו שווער ארבייטן!



דער רבי פון ראדזין — ר׳ שמואל שלמה ליינער

זיין פערזאן איז די הויפט־פיגור אין יצחק קאצענעלזאנס


11.


12.
JUDE
DACHAU
K.L.D.U

K.Z. לידער וואס מען האט געזונגען אין לאגער "האסאק"

"אין מיין אלטער היים".

אין מיין אלטער היים צווישן טאטע - מאמע, אליין
איז מיר קיין מאל טרויעריק ביסט געווען. און ווייט איך בין דא
קיין געוואיקטע שעה. זיץ איך תמיד, באר איך וויין.
און ווי אן אפגעהאקטעס ביימעלע דריי איך זיך דא ארום
און ווי א צעבראכענעם שפעלע, וואס זוכט זיין נעסט אומעטום.
איך האב געטייבט, אז איך וועל געפינען מיין גליק. אך גאט,
מיין גאט,
ווי שטארק עס בענקט זיך א היים צוריק. אוי א היים, א היים.
א היים, א היים, ראס בענקט דאך יעדעס שפעלע, א היים,
א היים, אוי א היים, א היים, צו דעם קלייגעם שטעטעלע
שפילן זיך אין געלעכטערל מיט דעם שכנס טעכטערל,
און אוי, וואלט דאס געווען אזוי שיין. און די ערד, די בעטינקע
און די מילך, די טמעטינקע. עס בענקט זיך א היים צוריק.
עס בענקט זיך א היים צוריק!!!

געזונגען אין לאגער נאך דעם שווערן טאג ארבעט.

דורך מנחם בעטערגליק.

דאס צווייטע ליד פון לאגער "האסאק" K.Z.

# "ג ל י ק"

גליק איז אויף דער וועלט אן א שיעור,
נאר נישט פאר מיר און פאר דיר. פרעג איך זיך איין מאל
אליין: זאג צי בין איך א מענטש מיט אלע גלייך, דער
ארבעטערשייד פון ארעם, רייך – פרעג איך זיך – דא ביי אייך.
צי ווערט א מאל די זון פאר מיר אויך שיינען. צי ווערט מיר
גוט זיין נאך אויף דער וועלט. צי ווערט מיין מזל מיך תמיד
באווייבען, מיט א וואלקן טרויעריק פארשטעלט. איך האב
קיין פריינדשאפט נישט געהאט אין לעבן און קיין פריינדשאפט
קיין אייגן גליק, ווייל גוטע האפענונג
מיר נישט געגעבן. ווו איז מיין גליק?
דו האסט מיך שטארק אפגענארט. אויף דיר האב איך
לאנג געווארט. פרעג איך זיך איין מאל אליין: זאג,
צי בין איך א מענטש מיט אלע גלייך, דער ארבעטערשייד פון
ארעם און רייך.
רעפריין "גליק"

מנחם בעסטערבליק

## ליד פון דעם קליינעם געטא

וון אהין זאל איך גיין, אז דער געטא איז פארמאכט,
ווו אהין זאל איך גיין, אז איבעראל שטייט א וואך.
אין די וועלט ברוים געבויג און פאר מיר איז ענג און קליין.
ווו אהין זאל איך גיין, אז מען הייסט מיך בלייבן שטיין
השיבינו צוריק

## ליד "טרעבלינקע"

קום צוריק צו מיין האבקעלע , קום צו מיר צוריק
מיין קרוין. קום צוריק צו מיר מיין טייערע, ווייל דו האסט
מיט מיר געוווינט. טרעבלינקא, דארט פאר יעדן ייד
א גוטער ארט. ווער עס קומט אהין, פארבלייבט שוין
דארט, פארבלייבט אויף אייביק. ווער עס קומט אהין.
ברודער, שוועסטער. טאטע, מאמע, צי טוט מען זיי
גלייך דארט פארטמען. קום צוריק צו מיר מיין האבקעלע.

דאס ליד האט מען געזונגען, באר דאס האט מען זיך נישט געקענט אין
דער ווירקלעכקייט פארשטעלן, ליידער.

לזכר נשמת ה"ק שנהרגי על ק"ה בעיר צינסטוכוב

על ידי והיטלר ימ"ש ת נ צ ב"ה

1939 ב ט ר ב ל י נ ק י 1945

א. אדמו"ר מרן הרה"ק כשכבה"ג מוהר"ר ר"חנוך העניך גד יוסטמאן זצ"קללהה זיע. בה"רהך אדמו"ר מרן מפילץ

ב. והרב אדמ"ור הר'הצ ר' יעקב יצחק זצ"קלה, זיע בה"הך אד"מור ר' אביגדור נרן רצ. לתר"ב מסאגליניץ והרבי מליזענסק ולמ"בך תנצב"ה

ג. אדמור מרן הה"רהג ה"הך צו"ס חו"פ בבש"ך וכ.וכ.
ר' אהרן דוד שורערסקי משזאריך וסריסק בכדלה'הך המגיד הגדול מסריסק ולהמגיד מסשארגאביל ז'יע

ד. והרהך הר"הצ אדמ"ור ר'יעקילי מימיעבורו בכד להרב אדמור ר' אלטר ונכד להרבי הגדול ר' דוד לעליוזער ז'יע

ה. והרבי אדמור ר' איציקל מראדאמסק. בכד להרביה"ך היהידי מיפשיסחא זצ'קללה. זיע ועכיא

<u>ת נ צ ב ה</u>

מו"צ ובדצק הרבנים דק"ק ציבסטוכוב

א. ר" נחמן גרינפעלד

ב. ר" יוסף פראקמש

ג. ר" יוסף קלייגפלאץ

ד. ר" בנימין רובין

ה. ר" זאב בארנשטיין

ו. הרהך ה"ג ר" ישעהי קנאבלאך

ז. נשא נתן ווערלטפרייד

ח. ר" חנוך בריל

ט. ר" מנחם טייטעלבוים נכד ישמח-משה

י. ר" אברהם גאטליב ר" הערשל צבי פעפער

יא. אצא ר" צבי טעטער שמחה בנים גולד

יב. ר" ישראל שוב חסידי גור

יג. ר" הערש לייב לעווקאוויטש

יד. ר" נתן רייכער

טו. ר" משה זאנדער

ר" זאב פיעטריקובסקי

אזעלכע תלמידי חכמים, וואס זייער תורה האט געשיינט פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער זענען אומגעקומען מיט אזא מיאוסן טויט.

ת נ צ ב"ה.א.ה"ק



די גרויסע לובלינער ישיבה „חכמי לובלין", מיטן ראש הישובה הרב מאיר שפירא ז"ל,
איז פולשטעדניק פארניכטעט געווארן. כמעט אלע ישובה בחורים זענען טראגיש אומגעקומען אין טרעבלינקע.



אדמו״ר מרן הרה״ק מראדאמסק - וסאסנאוויץ זצוקללה״ה זי״ע
אומגעקומען ביום דער ווארשעווער-אקציע -
נכד להרב בעל תפארת-שלמה זצוקללה״ה תנצב״ה.



ילדי עם ישראל לפני הקרונות אל מחנות המוות (מאוסף מנחם בסרגליק, יפו)



קצין נאצי מכריח יהודים לטבע עצמם בנהר
(מאוסף מנחם בסרגליק, יפו)

3 דבר רפ/11220
יום ב׳, כ״ו בניסן תשכ״ב, 30.4.62